STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07889

IN SHOTN FUN DIR

Meyer Ziml Tkatch

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. טקאַטש

אין שאָטן פון דיר

לידער

1939

פארלאג צעשינסקי — שיקאגאָ

ביכער פון דעם זעלבן מחבר:

„אויף גאָט'ס בארָאט"
לידער און פאבלען, 1927

„דאָס טייכל קאַטשעט זיך אויפן בייכל"
לידער און פאבלען פאר קליין און גרויס, 1933

„זון איבער אַלץ"
לידער, 1936

גרייט צום דרוק:

„נח'ס קאַסטן"
פאבלען.

IN SHOTN FUN DIR

By M. Tkatch

M. CESHINSKY, Publisher
2720 W. Division St., Chicago, Ill.

369

טריאָלעטן

1

האָב איך דיך געזען דורך אַ שפּאַרע,
נאָר דו האָסט פאַרהילט זיך צוריק,
אַזוי ווי די זון אין אַ כמאַרע?
האָב איך דיך געזען דורך אַ שפּאַרע,
צי נאָר אַ מיראַזש פון סאַהאַרע
פאַרבלענדט האָט מיין דורשטיקן בליק?
האָב איך דיך געזען דורך אַ שפּאַרע,
נאָר דו האָסט פאַרהילט זיך צוריק?

2

דו האָסט מיר די אויגן פאַרבונדן, —
צי האָב איך צופיל שוין געזען?
ווי גיך ס'איז די זעאונג פאַרשוואונדן!
דו האָסט מיר די אויגן פאַרבונדן,
איך זוך דיך אַ בלינדער אין וואונדן,
און דו, ווי דו וואָלסט ניט געווען.
דו האָסט מיר די אויגן פאַרבונדן, —
צי האָב איך צופיל שוין געזען?

3

מען טאָר אין דיין פּנים ניט קוקן, —
צו ווען זשע קני איך און בעט?
איך זע ניט אפילו דיין רוקן.
מען טאָר אין דיין פּנים ניט קוקן, —
צי זאָל איך צום שאָטן זיך בוקן,
דער שאָטן איז דיין סילועט?
מען טאָר אין דיין פּנים ניט קוקן, —
צו ווען זשע קני איך און בעט?

4

ווי, ס'איז צו פינצטער דער שאָטן,
איך זאָל דיך דערקאָנען אין אים, —
איז חושך אין דיר דען געראָטן?
ווי, ס'איז צו פינצטער דער שאָטן,
צו ווילד אויפן וואסער דער אָטעם,
אים אָטעמען זאָל אלוהים.
ווי, ס'איז צו פינצטער דער שאָטן,
איך זאָל דיך דערקאָנען אין אים.

רויבפייגל

„מאין יבוא עזרי"

צו די בערג הויב איך אויף מיינע אויגן:
אָ, פון וואַנעט וועט קומען מיין הילף? —
זיינען הויך מיינע אָדלער געפלויגן,
האָט אַ קריג צווישן זיי זיך צעשפּילט.

מיט מיין טרוים אויף די פליגל געטראָגן
האָבן זיי זיך געגעבן אַ הויב
און אין שיין פון דער זון זיך צעשלאָגן
פאַר מיין טרוים, פאַר מיין טרוים, ווי פאַר רויב.

ביסט, מיין טרוים, ניט אויף אָדלער געפלויגן,
ס'האָבן פייגל פון רויב דיך געשענדט!
צו די בערג הויב איך אויף מיינע אויגן,
צו דער ערד לאָז אַראָפּ מיינע הענט.

געקרייציקטער גלויבן

געקרייציקטער, צו שפּאָט געמאַכטער גלויבן!
אַ ציניקער האָט דיין פּסק־דין געשריבן,
די הענט ביים וואַשן אין טריאומף געריבן
און פון המון פאַרנומען חניפה־לויבן.
וואָס אַרט אים, אַז, ווי ראָבן, קראַקען טויבן,
אַז פרומע זיינען אָן אַ גאָט געבליבן
און רופן אוים, צום הפקר־גייסט געטריבן:
„איצט מעג מען אַלץ, מען מעג זיך אַלץ דערלויבן!"

איך וויים, אַז מענטש וועט אויך אין פאַלן פליען
און, ווי אַ שטערן, אינם חושך גליען
און זיך אַ זון געפינען און באַנייען,
נאָר וויפיל גאַל דערווייל וועט ער קאָכן
און, ווי מיט לאַווע פון וואולקאַן געבראָכן,
אויף וויפיל שיינקייט וועט ער הפקר שפּייען!

מיט אַ פרעמדן קול

די אויגן זיינע האָבן זיך געבאָדן
אין אייגן בלוט, ווי צוויי געפּלאַצטע טרויבן.
ער האָט פאַרלאָרן אינם מענטש דעם גלויבן
און אַלץ האָט ער פאַרלאָרן מיט דעם שאָדן.
אַ שוויים האָט אויף זיין שטערן אויפגעזאָדן
און מיט א פרעמדן קול, ווי פון אַ טויבן,
אַז אויפגעציטערט האָבן פענצטער־שויבן,
זיין צער און צאָרן האָט ער אויסגעלאָדן:

„גיי אונטער, מענטש, גיי אונטער אין דיין רויבן!
„דו האָסט דיין גאָט באַרויבט פון אַלע גנאָדן,
„ניטאָ קיין רחמים אין די הימלען אויבן.
„נאָך בלוט איז דורשטיק פון דער ערד דער באָדן.
„גיי אונטער, מענטש, און קומען זאָל אַן אדם
„די וועלט צוריק פון בראשית אָנצוהויבן!"

וועגן מלחמה-עראָפּלאַנען

דאָס זיינען פליגל, אָבער ניט פּעגאַסער,
דאָס שוועבט קיין טרוימער ניט אין בלויער ווייט,—
אין אַ מאַשין פליט איבער לאַנד און וואַסער
אַ גולם-מורד און מיט פולווער שפּייט
אויף לעבנס הייליקע פון קליינע קינדער,
אויף פרומע שטילע טעג פון אַלטע לייט,
אויף טעמפּלען, געטער — וואונדר־איבערווינדער,
אויף דענקמעלער — פאַראייביקער פון צייט.

ניט ראוי איז דער מענטש צו זיין באַפליגלט —
ער האָט ניט אויפגעעפנט, נאָר פאַריגלט
די פרייע האָריזאָנטן מיט זיין שווערד.
דער גייסט, וואָס האָט געשטרעקט זיך גאָט דערלאַנגען,
איז זעלבסטמאָרד מיט זיין אייגן ווערק באַגאַנגען,
באַפליגלענדיק דעם מענטש, וואָס איז ניט ווערט.

פליט ד׳אַנונציאָ

פליט ד׳אַנונציאָ, און ס׳וואַכט
זיין האַרץ פאַרליבט אין שיינקייט —
די הימלען זיינען אויפגעמאַכט,
באזיגט איז די באַשרענקטקייט.

פליט ד׳אַנונציאָ אין שלאַכט
און זינגט מלחמה־סטראָפן.
ער צילט, אַ שיף מיט מענטשן קראַכט.
וויוואַט! — ער האָט געטראָפן.

פליט ד׳אַנונציאָ און לאכט:
— כ׳בין שעפער און מחבל. —
די זון פאַרגייט אין ים, עס דאַכט,
זי טרינקט זיך אין א מבול.

די ערשטע עבירה

די מעשה: „די ערשטע עבירה"
איז גוט, נאָר פֿאַר הײנט צו רוי.
װען איך װאָלט געשריבן די תּורה,
געשריבן װאָלט איך אַזױ:

— געגעסן פֿון בױם פֿון װיסן,
דעקט אדם די זינד ניט צו;
ער הערט ניט דעם קול פֿון געװיסן:
„װאו ביסטו, מענטש, אַװאו?"

די שלאַנג אָבער הערט ער רײדן
און טרײבט מיט איר חכמה גיך
דעם מלאך אַרױס פֿון גן־עדן,
די שװערד נעמט ער צו פֿאַר זיך.

ער נעמט אױך פֿון מלאך די פֿליגל,
פֿאַרגלײכט זיך צו גאָט אין פֿלי,
און קינ׳ען לערנט ער אין װיגל
צו מאָרדן זײן ברודער אָן מי.

זאָגט גאָט צו זײנע מלאכים:
— האָב איך ניט געזען די געפֿאַר?
אױף בײז איז דער מענטש אַ חכם,
פֿון גוטס װיל ניט װיסן דער נאַר.

צו װיסן פֿון טױט די שליטה
קײן פּוסטע איז ניט טעמפּ, ניט גראָב.
איך זע: דער שכל מאַכט אַ שחיטה,
דער מוח רײַסט אױף דעם קאָפּ. —

אָדם — אַ מענטש

— וואו ביסטו? — טוט רופן גאָט צו אָדם,
נאָר אדם באַהאַלט זיך אין וואַלד;
דער ערדישער פילט, ווי פון באָדן
וואָלט גאָט אים געריסן מיט גוואַלד:—

וואָס רופט ער, וואָס שטערט ער זיין דרימל?
וואָס רייסט ער פון חוה'ן אים אָפּ?
דעם נאַקן צעברעך, קוק ארויף צום הימל,
ווען גרינגער איז קוקן אַראָפּ.

— וואו ביסטו? — ער מאַכט מיך משוגע.
איך ענטפער ניט, איך האָב ניט געהערט.
יאָ, חוה, די שלאַנג איז אַ קלוגע,
זי קריכט אויפן בויך און עסט ערד.

דיין ברויט, זאָגט זי, זאָלסטו ניט עסן
באַנעצט מיטן שווייס פון דיין נאָז.
דו זיץ זיך, וואו דו ביסט געזעסן,
דער עפל וועט פאַלן אין גראָז.

און ער שילט די ערד און די ביימער,
וואָס גיבן מיר עסן אָן מי.
ער שרעקט מיך, ער איז אַ געהיימער,
די שלאַנג — ווי אַ שוועסטער איז זי. —

נאָר גאָט טוט אַלץ רופן: — געפין זיך! —
שרייט אדם אריין אין זיין האַנט:
— כ'בין דאָ, נאָר אַ נאַקעטער בין איך! —
פאַר גאָט פילט ער שטענדיק אַ שאַנד.

גלית און דוד

אין פאַנצער שטייט דער קריגער, ווי אַ מויער,
אַ טורם איז דער העלם אויף זיין קאָפּ,
אין העמד און גאַרטל שטייט דער זון פון פויער,
דער קליינער פאַסטוך, ווי אַ בלאָנדער סנאָפּ.

קוקט גלית אָן די קאָרענע בגדים,
די טאָרבע און דעם שטעקן — און ער לאכט:
— צי בין איך דיר אַ כלב, פּרא־אדם,
וואָס מיט א שטעקן קומסטו גאָר אין שלאַכט?!—

נאָר דוד ענטפערט און די ווערטער שפּילן,
ווי האָרן־קלאַנגען, ווען דער טאָג באַגינט:
— מיט מיר איז גאָט, און דו פאַרלעצסט זיין ווילן,
מיין בעסטער וואָפן איז דיין גרויסע זינד.

דו האָסט פאַרשעמט די ערד, וואָס טוט אונדז שפּייזן,
געמאַכט אַ שלאַכטפעלד האָסטו פון דער ערד,
האָסט אויסגעשמידט אַ שווערד פון אַקער־אייזן,
וועט אָפּהאַקן דיין קאָפּ די זעלבע שווערד! —

דער פּאַבלשרייבער זינגט:

ביז ס'וועט דער מבול איבערגיין,
אין קאַסטן זיך פּאַרטייע!
ניט גוט דעם מענטש צו זיין אליין,
אַ פּאָר איז אים די חיה.

איך זאַמל מיינע חיות איין,
מיין קאַסטן איז די פּאַבל,
אַ צווייטער נח וועל איך זיין,
עס גייט אַ נייער מבול.

איך זע די כוואַליעס פון מיין שויב,
איך הער די ווינטן ברומען.
איך האָב ארויסגעשיקט די טויב,
איז זי צוריק געקומען.

איך וועל זי שיקן נאָך און נאָך,
ביז זי וועט ברענגען, ענדלעך,
אַ ביטער בלאַט פון אונדזער בראָך,
פון אונדזער דזשאָנגל — שפּענדלעך.

דערווייל, ביז וואנען צום געבירג
מיין קאַסטן וועט דערשווימען,
דרעסיר איך אַ פּאַרשייטן צירק
דעם מענטשן נאָכצוקרימען.

וועט זיין אַ שיינע קינדערשפּיל,
אַ קינדערשפּיל און מערער ———
דער מענטש וועט לערנען זייער פיל
פון חיות — זיינע לערער.

ווענוען שולד, ווענוען שולד,
וואָס די וועלט איז צעדולט!
דיינע הענט זיינען ריין,
ניט פאַרברעך זיי, ניט וויין
און ניט רייס זיך די האָר
פונם קאָפּ, וואָס איז קלאָר!

מאַך אַ האַרץ זיך פון שטיין,
לאָז די דולע אַליין
צו דער שטראָף פאַר דער זינד
און פאַר זיך, קינד און רינד
בוי אַ קאַסטן זיך אויס,
שווים פון מבול אַרויס!

עס דיין ברויט, טרינק דיין וויין,
וויג אין שטורעם זיך איין,
זאָג דיין תפילה: „איך גלויב",
שיק דיין שליח, די טויב,
און, ווען אַלץ איז פאַרביי,
בוי די וועלט אויפדאָסניי!

געשריי

מײַן פֿאָלק! ווי דו, איז אַלץ דײַן ווײ
און, ווי דײַן ווײ, איז אַלץ דײַן שרײַען.
איך שרײַ אױפֿסנײַ דײַן אַלט געשרײַ,
כאָטש ס'וועט מײַן וואָרט אים ניט באַנײַען.

איך שרײַ און ווייס: דער פֿײַנט איז טויב, —
וואָס אַרט דעם וואָלף זײַן קרבנ'ס קלאָגן? —
נאָר ס'הייבט זיך אויף אפֿילו שטויב,
ווען ס'ראָלט אויף אים דער ראָד פֿון וואָגן.

די אַלטע וואונד פֿרישט אָפּ די שאַרף
און ס'ווערן שאַרפֿער טעמפּע ווייען,
פֿאַרשטומט אין אומגליק הענגט די האַרף,
נאָר ס'רײַסן זיך פֿון האַלדז געשרייען.

געשיכטע, שרייב!

געשיכטע, שרייב! געשיכטע, שרייב
מיט אונדזער בלוט אויף אונדזער לייב! —
„דעם קריסט האָט אויסגעלייזט א איד,
„נאָר ווילד איז אַלץ זיין בלוט, וואָס זידט.
„עס שפּייזט דעם גייסט דאָס פאָלק פון בוך,
„דער קריסט פאַרברענט אים מיט אַ פלוך".

געשיכטע, שרייב! נאָר ס'איז אומזיסט:
דער איד פאַרגעסט די קלעפּ פון קריסט. —
„ער קושט די ערד פון פרעמדן לאַנד
„און טראָגט דעם געלן פלעק פון שאַנד.
„ער פלייסט זיך און דאָס לאַנד ווערט רייך,
„דער קריסט באַלוינט מיט בלוט אַ טייך".

געשיכטע, שרייב! נאָר ס'איז אומזיסט:
דער איד פאַרגעסט די קלעפּ פון קריסט. —
„ווי רות, גייט נאָך דעם קריסט דער איד,
„ער רעדט זיין שפּראַך און זינגט זיין ליד,
„ער ברעכט זיך דורך דער געטאָ־וואַנט,
„דער קריסט פאַריאָגט אים פון זיין לאַנד".

געשיכטע, שרייב! געשיכטע, שרייב
מיט אונדזער בלוט אויף אונדזער לייב! —
„עס שווימען אידן צו אַ ברעג,
„די קריסטן טרייבן זיי אַוועק:
„ — שווימט ווייטער, אידן, שווימט געזונט!
„פאַראַן אַ האַפן אויפן גרונט! — "

געשיכטע, שרייב! נאָר ס'איז אומזיסט:
דער איד פאַרגעסט די קלעפּ פון קריסט. —
„עס גייט דער איד אין פרעמדן קריג,
„נקמה נעמט פון אים דער זיג. —
געשיכטע, שרייב! געשיכטע, שרייב
מיט אונדזער בלוט אויף אונדזער לייב!

צו אַ אידישן נאַציאָנאַליסט

(געווידמעט חיים ליבערמאַנען)

צי האָט דיך אָנגעשטעקט דער צייט־שגעון,
ווען דיין מאַרטירער-פאָלק האָסטו געגרויסט?
ניין, ס׳איז די בייל דיר ליבער פון דער פויסט,
פון האקנקרייץ — די לאַטע פון בזיון.
און צווישן בלוטדורשטיקע וועלף, וואָס וואָיען,
פאַרוואָר, א קדוש איז דער לאַם, דער איד;
ס׳איז הייליק דאָס פאַרגאָסן בלוט, וואָס זידט
און יאָמערט „שפוך חמתך" אין נסיון.

פאַרוואָר, דער איד איז אויסדערוויילט דורך לייטער.
ניט בלויז פאַר זיך, פאַר אַלע פעלקער ליידט ער ——
ס׳כפרה־הינדל און דער וועטער-האָן.
אַז וואויל דעם זון פון פאָלק, וואָס ווייסט זיין יחוס
און לויפט, ווי יונה, ניט פון זיין שליחות
און נעמט דעם דערנער־קראַנץ מיט ליבע אָן!

שונא, מיין נעכטיקער פריינט

פאַרוועלקט איז די רויז — און דער דאָרן
איז שאַרף, ווי די נעגל פון רויב.
אזוי ווי אַ שפּאַרבער אַ טויב,
פאַרצוקט האָט די ליבשאַפט דער צאָרן.
ווי גיך ס'איז פאַרגעסן געוואָרן
דאָס גוטס, זיך באַדעקט מיט אַ שטויב!
געטריי אָבער היט דורך זיין שויב
דעם דענקמאָל פון שלעכץ דער זכרון.

אָ, שונא, מיין נעכטיקער פריינט!
דאָס בלוט דאָס פאַרגאָסענע היינט
וועט מאָרגן ניט וועלן זיך שטילן.
ניט שלאָג זיך אין האַרצן על-חטא,
און זיי אויך ניט מוחל — צו שפּעט,
דו קאָנסט שוין דאָס זעלבע ניט פילן.

איבערפֿאַל

באַפֿאַלן איז די שטאָט דער זומער־רעגן,
געמבול'ט פֿאַרעדיקע וואַסער־פֿאַלן,
פֿאַרוואַנדלט אַלע גאַסן אין קאַנאַלן
און טראָטואַרן — אין פֿאַרפֿלייצטע ברעגן;
געטריבן מענטשן, ווי אין שטורם בלעטער,
פֿאַריאָגט פֿון מאַרק, געפֿאַנגען זיי אין קראָמען,
און איבער דער באַזיגטער שטאָט זיין נאָמען
געשריבן בליציק מיט אַ פֿייער־פֿעדער.

ער האָט זיין זיג געפֿייערט מיט קאַנאָנען,
געפּאַראַדירט די שטורם־באַטאַליאָנען
און מיטאמאָל אַוועק, ווי ניט געשטויגן,
בלויז איבער שטאָט, וואָס שטראַלט דער זון אַנטקעגן,
אים צו געדענקען האָט געלאָזט דער רעגן
אַ פֿאַרבנרייכן טריאומפֿאַלן בויגן.

אויסגעשלאָסענע

איך זע אין פּאַרק די אויסגעשלאָסענע פון פריידן,
וואָס קאָנען ניט פאַר זיי באַצאָלן מיט קיין גיטער.
פאַר זיי די זון אפילו איז א מלאך־היטער,
וואָס — מיט א שווערד פון שטראַלן — טרייבט זיי
פון גן־עדן.
איך זע אין פּאַרק די אויסגעשלאָסענע און ציטער,
ווען שטאַרע זיצן זיי אַפּאַטיש אויך צו ליידן.
זיי זיינען אויסגעהוילט פון תוך ווי פּוסטע שיידן,
זיי זיינען קאָרטשעס אויסגעוואָרצלט פון געוויטער.

ניט זיי געהערט די ערד, דער הימל מיט זיין שימער,
ווי ברויט און קלייד און שיך, ווי פרעמדע אייגנטימער,
ווייל אַלץ פאַר זיי איז פרעמדס, פאַרזאָגט און שטרענג
פאַרבאָטן...
זיי מאַכן צו אויף אַלץ די מוטנע קאַלטע אויגן
און אָפּגעלאָזט די הענט, די קעפּ אַראָפּגעבויגן —
ווי מתים שטאַרן זיי, עס זשיפּעט בלויז דער אָטעם.

פענער

1

פענער, פענער. יעדע פאָן וויל פירן,
נאָר די זון איז איבער אַלע פענער,
זי, וואָס גיט זיי זייערע קאָלירן.
פענער, פענער. יעדע פאָן וויל פירן,
צו איר פאַרב דער איינער רעדוצירן
גאָר דעם שפּיל פון אַלע פאַרבן־טענער.
פענער, פענער. יעדע פאָן וויל פירן,
נאָר די זון איז איבער אַלע פענער!

2

וועלכע פאָן האָט אַלע זון־קאָלירן,
אַז דער זון אויפריער זאָל זי לויפן
און זאָל רופן אינם נאָמען אירן?
וועלכע פאָן האָט אַלע זון־קאָלירן,
אַז זי זאָל צום רעגנבויגן פירן,
ניט צום מבול, גאָר די וועלט צו טויפן?
וועלכע פאָן האָט אַלע זון־קאָלירן,
אַז דער זון אויפריער זאָל זי לויפן?

3

אין א רעגנבויגן אַלע פענער
זע איך אין דער שעה פון נאָכן שטורם,
זיינען זיי פון רעגנבויגן שענער.
אין א רעגנבויגן אַלע פענער,
ווי איין פאָן פון אַלע פאַרבן־טענער,
ווי אַ בונד אין פרייד נאָך פיל יסורים, —
אין אַ רעגנבויגן אַלע פענער
זע איך אין דער שעה פון נאָכן שטורם.

4

נאָר אַז ס'ציט אַ שוואַרצע פאָן — אַ כמאַרע,
איז די רויטע פאָן אַ זייל פון פייער,
אַ שטאַפעט, וואָס מאַכט דער זון אַ וואַרע.
אַז עס ציט א שוואַרצע פאָן — אַ כמאַרע
איז די רויטע פאָן אַ תפיסה־שפאַרע,
וואָס דורך איר שלאָגט דורך אַ שטראַל אַ פרייער.
אַז עס ציט אַ שוואַרצע פאָן — אַ כמאַרע,
איז די רויטע פאָן אַ זייל פון פייער!

5

הויב די רויטע פאָן, דעם זייל פון פייער,
ווען עס שוואַרצט די פאָן פון נאַכט און הענקער,
אויב דיר זיינען זון און לעבן טייער!
הויב די רויטע פאָן, דעם זייל פון פייער,
צינד אַ רויטע שרפה, זון־באַפרייער,
רוף אין שלאַכט די טרוימער און די דענקער: —
הויב די רויטע פאָן, דעם זייל פון פייער,
ווען עס שווארצט די פאָן פון נאַכט און הענקער!

6

רויט מוז זיין די פאָן פון זון־באַגינען,
ביז די זון אליין די פאָן וועט ווערן
און פילפאַרביק וועט די וועלט זיך מינען.
רויט מוז זיין די פאָן פון זון־באַגינען,
ווי אַ טראַכט, וואָס בלוטיקט אין געווינען,
ס'מוז די וועלט די זון אין בלוט געבערן.
רויט מוז זיין די פאָן פון זון־באַגינען,
ביז די זון אַליין די פאָן וועט ווערן!

(1937)

7

ווײ, דער זײל פֿון פֿײַער איז פֿאַרלאָשן,
בלויז דאָס בלוט איז אויף דער פֿאָן דער רויטער,
בלוט פֿון ברידער בלוטדורשטיק פֿאַרגאָסן.
ווײ, דער זײל פֿון פֿײַער איז פֿאַרלאָשן,
ס'האָט זיך רויט מיט שוואַרץ צונויפֿגעגאָסן
אין א חושך, ניט צו ווערן לויטער.
ווײ, דער זײל פֿון פֿײַער איז פֿאַרלאָשן,
בלויז דאָס בלוט איז אויף דער פֿאָן דער רויטער.

8

פֿיר אונדז דו, געשטרײַפֿטע פֿאָן מיט שטערן!
פֿיר דורך נאַכט און גרויליקע רואינען!
ועט די זון אַמאָל די פֿאָן נאָך ווערן?
פֿיר אונדז דו, געשטרײַפֿטע פֿאָן מיט שטערן!
לאַנג וועט נאָך די פֿינצטערניש געווערן,
ס'איז נאָך ווײַט אַזוי ביז דעם באַגינען.
פֿיר אונדז דו, געשטרײַפֿטע פֿאָן מיט שטערן!
פֿיר דורך נאַכט און גרויליקע רואינען!

(1939)

אַ קלאָץ אין וואַסער

אַ טאָג אַ הייסער אין אָקטאָבער.
איך זיץ ביים טייך און קוק.
צום ברעג שווימט צו אַ קלאָץ אַ גראָבער —
אַ רוקן מיט אַ שנוק.

אָ, קלאָץ אין וואַסער, וואָס דערמאָנסטו?
דערמאָנסט אַ קראָקאָדיל.
פּאַרטייעט לוגט אויף מיר אַ מאָנסטער.
ניט האמער, האַרץ, זיי שטיל!

אַ שאָרכיק בלעטל פּאַלט דאָנעבן,
איך גיב אַ צוק.
— דו ביסט אין דזשאָנגל, היט דיין לעבן,
מיט ביידע אויגן קוק! —

צעריסנקייט

ווי אַ שיין פון אַ פרידלעכער הויז,
לויכט די זון פון אַ וואָלקן ארויס.
ווי אַ הונט מיט זיין עק אויפן שוועל,
קלאַפט דער ים אויפן ברעג מיט דער וועל.
אינם בוים ניט קיין חשד אויף אַ ווינט,
נאָר אין האַרצן ביי מיר בילן הינט.

— דו ניט גלויב! — בילט פון האַרצן ארויס:
גאָר אַן אונטערגעצונדענע הויז
איז דער וואָלקן, די זון — אַ שטורקאַץ.
ס'איז דער ים גאָר אין לויער אַ קאַץ
און דער ווינט איז פאַרטייעט אין בוים,
ווי אין מענטשן די חיה אין טרוים. —

איבערלעבונגען

פאַראַנען איבערלעבונגען, — ווי אָפּגעשניטענע
פון גוף פאר'סמ'טע אברים, ווילסטו זיי באַגראָבן,
ניט לאָזן הפקר צו די קראַנקנדיקע ראָבן,
צו די זכרונות פון די נעכט די דורכגעליטענע.
דיין האַרץ איז האַרט, ווי אויף אַ שטיין אַן
אויסגעביטענע,
און דיין געהירן, ווי מען וואָלט אים אויסגעשאָבן —
דו נעמסט זיי, ווי דעם טויט און ווי אַ שפּאַט אַ גראָבן,
די איבערלעבונגען, ווי גורל, ניט פאַרמיטענע.

דו שטיקסט זיי די פאַרשלאָסענע נאָר ניט געשלאָסענע:
דו האָסט קיין טרייסט ניט און קיין ענטפער פאַר די ליידן.
קאָן זיין אַמאָל וועט זיי די צייט אַליין באַשיידן
און, ווי צו ליכט גייט אויף אין בלום דאָס בלוט
פאַרגאָסענע,
אזוי וועט אויפגיין העל דיין צער אין דער
פאַרשטענדעניש
און אַלץ וועסטו דערציילן, פריי פון דער פאַרבלענדעניש...

אַ שטיק ליים

אַ שליימיקע, אַ וואַנזיניקע נאַכט
האָט, ווי אַ הונט מיט גאַווערדיקע ציין,
ארייַנגעביסן זיך אין מייַן געביין,
אַ פייער אָנגעצונדן אין מייַן מאַרך.
און טמא בלוט, ווי אין אַ נידה־טראַכט,
אין האַרץ האָט זיך צעקאָכט צום איבערגיין,
און ס'האָבן זיך ווי קעץ אין מיר צעוויינט,
און ווי היענעס האָבן זיך צעלאַכט.

די שטערן האָבן פלוצלונג זיך צעטאנצט,
ווי פונקען אין א רויך, מיט מאַטן גלאַנץ
און ס'האָט די ערד געשמעקט, ווי צוגעדעמפט.
איך האָב אין איר געקלאַמערט זיך, געקרעמפט,
געפינעט ווי אַ פאַליקער מיט שליים
און זיך מיט איר באהאָפטן — אַ שטיק ליים.

עס איז גוט

דער זעענדיקער איז דער בלינדסטער,
ווען זאַט איז זיין בליק און באַרוט.
זאָל זיין אויפאַנ׳אמת אים פינצטער!
איך זאָג: עס איז גוט, עס איז גוט.

אַראָפּגערוקט האָט זיך א חושך,
ווי איבער די אויגן אַ הוט;
עס שפּארן די אויגן ארויס זיך,
איך זאָג: עס איז גוט, עס איז גוט.

אָ, גרויליקע, קנויליקע בילדער,
געשפּענסטער, וואָס פּרואווט איר מיין מוט!
מיין קול, ווי פון שלאָף, איז אַ ווילדער,
איך זאָג: עס איז גוט, עס איז גוט.

אַ נאַכט זיך געראַנגלט, געשיצט זיך,
דערפאַר אין מיין אייגענעם בלוט
מיט ליכט האָט דער מאָרגן צעשפּריצט זיך,
איך זינג: עס איז גוט, עס איז גוט!

נאָכן שטורם

דורכגעציטערט, דורכגעוויטערט,
אָנגעשפּאָלטן, ווי אַ בוים,
כ'שטיי פאַרווייגט, נאָר ניט פאַרביטערט,
כ'שטיי אין גרונט, כאָטש כ'האַלט זיך קוים.

און דורך טרערן מיט א שמייכל
פינקל איך אַ גרוס דער זון
און איך בין דעם שטורם מוחל,
וואָס ער האָט מיר וויי־געטאָן.

ווייל איך האָב פאַר אַלץ פאַרגעבן,
קושט די זון מיך אויף דער וואונד.
כ'וועל זיך אויסהיילן און לעבן,
וואָרצלען, ווי א בוים אין גרונט.

דער סם איז זיס

אין הארצן ברענט אַ דאָרשט צום לעבן.
אַ סנה אין פלאַם.
האָסט, מזל, מיר אומזיסט געגעבן
צו טרינקען סם.

אַ קעגנגיפט איז אויף מיין גומען,
דער סם איז זיס,
איך טרינק און ס'טוט מיר וואויל באַקומען, —
גיס, מזל, גיס!

פאַרהוילן

ווי שווער איז צו דעם מענטשן צוצוקומען!
ער איז אַ שרעקעדיקער, ווי א מויז,
ער איז אַ דערנערדיקער, ווי אַ רויז,
און ס'איז זיין מויל אַ שטיינפאַרדעקטער ברונעם.
דיר דאַכט, דו נעמסט שוין, ווי אַ פריינט, ארום אים,
ער פילט זיך היימיש, ווי אַ קינד אין שויס,
דאָס האַרץ געעפנט, אַלץ דערציילט ער אויס,
און פלוצלינג — ס'לשון איז אים אָפגענומען.

ס'גייט דורך אַ קורצע אומרומפולע פויז
און שוין עלאַסטיש איז זיין צונג, ווי גומי,
און, ווי ס'פירט אָפּ א פייגעלע אַ שלוים
פון נעסט איר פיינט, וואָס איז אויף רויב ארויס,
אזוי דיך פירט ער איבער שטעגן קרומע
אַוועק פון האַרצן, זיין אינטימער הויז.

אין היילן

עס וויל דער מענטש אַ סודות׳פולער בלייבן
אין זיינע טונקעלע אינטימע היילן,
אַז ס׳זאָל קיין פינגער זיינע זינד ניט ציילן
און אויף זיין שטערן אים צו שאַנד ניט שרייבן.
ער וויל אַן אָרט, וואוהין זיך צו פארקלייבן
אליין מיט זיך, מיט די צעקריגטע טיילן,
ער וויל אליין די וואונדן זיינע היילן
און אויך אליין מיט זאַלץ זיי וויל ער רייבן.

ער וויל און מוז אַליין דעם שטן טרייבן,
אַליין פאַר גאָט אין ווידוי אַלץ דערציילן,
אַליין זיך עפּענען, אַליין זיך שיילן,
ווי קערנער אין דער ערד, וואָס כוחות קלייבן.
אָ, לאָז אליין דעם מענטשן אין די היילן, —
דורך זיי גייט אויך אַ יעזוס צו זיין צלם.

אַ בוים פלוידערט

איך בין אַ בוים מיט בלעטער אויף די צווייגן,
איך פּלוידער פיל, כאָטש ווילן וויל איך שווייגן.

איך פּלוידער פיל, נאָר גיי און זיי אַ שווייגער,
אַז ס'קומען אָן די ווינטן פול מיט נייגיר —

דערצייל זיי מעשיות, שאָרכע מיט די בלעטער,
דערצייל איך זיי אַ מעשה וועגן וועטער.

דערצייל זיי פון דיין האַרץ, דיין פרייד און טרויער,
דערצייל איך זיי: מיין קאָרע איז אַ מויער.

דערצייל זיי פון די וואָרצלען, דיין יניקה,
דערצייל איך זיי: עס זויגט אַ בוים בשתיקה.

איך בין אַ בוים מיט בלעטער אויף די צווייגן,
איך פּלוידער פיל, נאָר איך קאָן אויך פאַרשווייגן.

די מתים שטייען אויף

אומזיסט, אומזיסט! דו ווערסט ניט ניי-געבאָרן.
באַגראָב דיין עבר שפּורלאָז, ווי אַ פּגר,
און דריי דיין לעבן איבער, ווי אַ זייגער, —
באַגראָבסט ניט, דרייסט ניט איבער דיין זכרון.
אַן אויפגעהיטע מומיע אין אָרון
איז דיין געדעכעניש אין די געהירן.
דו וועסט איר טוכלען ריח אייביק שפּירן,
עס שמעקן שטאַרקער פון באַלזאַם די יאָרן.

קיין רעטונג איז ניטאָ, ס׳איז קורץ דיין אָרעם
זיך צו פאַרמעסטן קעגן דעם פאַטאַלן.
דו האָסט באַגראָבן און ס׳איז ניט נאָך אַלעם,
עס שטייען אויף די מתים פון די קברים.
זיי שטייען אויף, זיי ווערן ניי-געבאָרן,
און דו ביסט מת, און דיך פרעסט אויף דער וואָרים...

דער אַלטער בוים

מיט גרינע בלעטער ווערט באַנייט
דער אַלטער בוים נאָך יעדן ווינטער,
נאָר אין זיך ווייסט דער נײַ־צעגרינטער,
אַז ס'צירקלט ארום הארץ די צייט.
זי צירקלט קרייזן, ווי מיט קרייד,
און, ווי אין שפּינוועב אַ פֿאַרשפּינטער,
אַן איינגעשטילטער, אַ באַזינטער,
דער אַלטער זעט דעם אומפֿאַרמייד.

די פֿייגל מעגן קומען אַליין
צו אים נאָך שוץ און נעסטן בויען
און ס'מעג נאָך אין זיין כּוח טרויען
די קריכפּלאַניק, הענגען אויף זיין האלדז,
נאָר ער פֿאַרקאָרעט, ווי פֿאַרמויערט,
צו זיך אין האַרצן קוקט און טרויערט.

צו זיך אַליין אַ מאָנומענט

אַ טויטער דעמב, דאָס האַרץ פון בליץ פאַרברענט,
אַ נאַקעטער צעפּרעסענער פון פעסטן,
מיט דער פאַרגעסנהייט זיך צו פאַרמעסטן
שטייט אַלץ — צו זיך אַליין אַ מאָנומענט.
ער האַלט אַלץ הויך די שטאָלצע צווייגן־הענט,
ווי טראָגן וואָלט ער נחת׳פולע נעסטן,
און צווישן דעמבעס מיט זיין שטאַם דעם גרעסטן
אַן אויסגעטיילטער שטייט ער פּראָמינענט.

איך וויים: ס׳איז דאָ אין דער העראָאיק טראַגיק:
דער דעמב וועט פאַלן, ווערן אויפגעלייזט.
נאָר, ווי די ליגנערישע בונטע מאַגיק
אין גרוי פון דער געוויינטלעכקייט אונדז טרייסט,
אַזוי האָט מיך דער טויטער דעמב פאַרבלענדט, —
אַ מת — צו זיך אַליין אַ מאָנומענט!

לידער־„שמידער"

די מאַסן דאַרפֿן ניט קיין לידער,
די מאַסן דאַרפֿן ברויט,
און מיר איז ברויט אָן ליד דערווידער,
און איך זינג אויך אין נויט.

די מאַסן זוכן היי אין סידור,
און איך זוך גאָט אין ברויט,
אַנטפּלעקונג פֿון דעם גייסט אין לידער,
אַ ליריש וואָרט אין נויט.

די מאַסן שפּאַסן: „לידער־שמידער",
און איך עס ליד, ווי ברויט,
און ס'איז געשמאַק דאָס ברויט פֿון לידער
מיט זאַלץ פֿון טרער אין נויט.

מיט אַ ליד

מיט א ליד אין געמיט
מעג איך וויינען אפילו. —
כ׳בין אַ ליכט און איך זיד
אין התלהבות פון תפילה.

מיט אַ ליד אין געמיט
מעג איך טרעטן אויף שטעכלעך, —
כ׳גיי מיט ריטמישע טריט
און באפליגלטע קנעכלעך.

מיט אַ ליד אין געמיט
איז דער טויט אויך ניט שרעקלעך, —
ווייסער וועג! נעם מיך מיט
אויפן שליטן מיט גלעקלעך.

וואָס זינגט דער פויגל?

— וואָס זינגט דער פֿויגל אין דער שטייג,
איז זינגען דען כדאי,
ווען ס'איז אַ ווייטער טרוים די צווייג,
וואָס גרינט אין סאָד דערביי? —

— עס זינגט דער פֿויגל אין דער שטייג
און זינגען איז כדאַי,
ווען ס'איז דער טרוים אַ וואָרע צווייג
און ס'איז דער סאָד דערביי. —

— וואָס האָט דער פֿויגל פֿון דער צווייג,
וואָס גרינט אין סאָד דערביי,
ווען זיצן מוז ער אין דער שטייג
געפֿאַנגען פּיוויסיי? —

— ס'איז גוט צו זיצן אויך אין שטייג,
ווען ס'גרינט דער סאָד דערביי.
עס ווערט אַ וואָר דער טרוים פֿון צווייג
שוין יגערן פּיוויסיי. —

דער שמיד

אין האַרצן די געפֿילן —
אין אויוון שטאָל צעגליטער;
זיי פֿורעמט לויט זיין ווילן
דער שמיד-פּאָעט אין לידער.

צום שמיד־קלאָץ פֿון די פֿלאַמען
זיי נעמט ער, ווען זיי גליען,
ווי קינדער פֿון דער מאַמען
אין אַן אַנשטאַלט דערציען.

ער האַמערט זיי אין צוואַנגען,
זיין האַנטווערק מוז געלינגען,
און ס'נעמען פֿינקלען קלאַנגען,
און פֿונקען נעמען קלינגען.

ער לעשט זיי אָפּ פֿון פֿלאַקער
און מאַכט זיי בלאַנק אין שלייפֿן,
און שיקט זיי: — לידער־אַקערס,
ברעכט אויף דאָס האַרץ אין שטייפֿן!

פּאָעטן

גקפּילפּולע פּאָעטן, מיינע ברידער, —
מיר צאַפּלען זיך, ווי אויף אַ פּייערפּאַן,
אונדז וואַרפט פון העכסטן שפּיץ אין טיפסטער נידער
אַ ראַפינירטער געטלעכער טיראַן.
מיר זאָגן שטענדיק, ווי אַ גוסס, ווידוי,
ס'איז אונדזער יעדער שפּאַן דער לעצטער שפּאַן.
מיר זיינען יענעם און אויך זיך דערווידער,
מיר זיינען ווילדע, ווי אַן אוראַגאַן.

פונדעסטוועגן, פּאָעטן, מיינע ברידער, —
איז גליקלעכער פון אונדז נאָך ווער פאַראַן?!
מיט שאַרפע חושים אין די וואכע גלידער
מיר לעבן פול און ברוזיק ביז צום וואַן,
מיר זייען טרערן און מיר שניידן לידער,
מיר שטאַרבן זינגענדיקע, ווי אַ שוואַן.

דאָרשט

שפּריצט די זון ארויס פאָנטאַנען
אַזאַ פאַרבנרייכן ווײַן. —
טרינק! עס איז גענוג פאַראַנען
אַז אַ וועלט זאָל פריילעך זײַן.

טרינקען וואָלקנס, טרינקען טײַכן
און באַרוישטע גליען זיי.
וויל איך זיך מיט זיי פאַרגלײַכן,
נאָר איך האָב בלויז אויגן צוויי.

זון, איך שעם זיך מיט מײַן קלײנקייט.
וויפיל טרינק איך פון דײַן שטראָם? —
בלויז אַ טראָפּן פון דײַן שײנקייט,
בלויז אַ שוים־שפּריץ פון דײַן תהום.

נאָר, ווי טײַך און וואָלקן, ווער איך
ניכטער ניט מיט דײַן פאַרגאַנג,
און מיט יעדן טרונק באַגער איך
מער און מער פון דײַן געטראַנק.

גיס אָן!

גיס מיר אָן אַ פולע מאָס מיט טרויער,
עלעהיי אַ כוס מיט וויין!
ווי ס'איז פאַרן שכור וויין ניט זויער,
איז פאַר מיר ניט ביטער פּיין.

וועל איך דורשטיק פון דעם טרויער טרינקען
און דער טרונק וועט מיר זיין זיס;
איך וועל מיטן קאָפּ צום טיש ניט זינקען
און ניט פאַלן פון די פיס.

בלויז די צונג, וואָס טריקנט צו דעם גומען,
וועט דער טרויער טאָן אַ ציִ,
ווי אַ גלאָק, וואָס זשאַווערט אין זיין שטומען
און צעשאָקלט זיך מיט מי.

און די צונג וועט זיך אין לויב צעשאַלן
צו דעם טרויער, וואָס ער ציט,
ווי משה'ס שטעקן פון די שטיינער קוואַלן,
לידער פון א שטום געמיט.

ביז קומען וועט ער

וועסט טרינקען פון אַנדערע ליפּן
צו לעשן דעם דאָרשט מיט אַ קוש,
נאָר אויסרינען וועט, ווי פון זיפּן,
פון האַרץ און פון קאָפּ דער געגוס.

וועסט גליען אין אנדערע אָרעמס,
נאָר גליען וועסטו גאָר אומזיסט —
אין זאַמד גייט דער רעגן פאַרלאָרן,
דער מדבר, ווי פריער, איז וויסט.

וועסט טוישן געליבטע און ערטער,
ווי גליק וואָלט געווען אינם טויש,
ביז קומען וועט ער, דער באַשערטער,
און רוען וועסטו אין זיין שויס.

אונטערוועגנס

און ווידער אין וועג זיך געקליבן
און ווידער געריסן, געפּליקט
אַ ליד, וואָס איך האָב ניט דערשריבן,
אַ בריוו, וואָס איך האָב ניט געשיקט.

און ווידער אַ חלום, אַ מפּיל,
באַגראָבן, קיין שטיין ניט געשטעלט,
ס'האָט בלויז זיך געגעבן אַ צאַפּל
דאָס אָבל'דיק האַרץ, ווי פון קעלט.

און ווידער פון זיך וואָס געלאָזן,
ווי פוך לאָזט א פויגל אין נעסט,
אַוועק מיט די ווינטן, וואָס בלאָזן,
אַוועק מיט אַ פריילעכן זשעסט.

און ווידער געפאָרן דורך סעדער,
אַליין אָן אַ וואָרצל אין גרונט,
און ווידער געזען: נאָך די רעדער
מיין מזל לויפט נאָך, ווי אַ הונט.

אין בענקשאַפט

איך האָב געקענט פיל פאַלשע פרויען,
מיין ליבע איז שוין מער ניט בלינד,
דאָך גאַרט דאָס האַרץ זיך אָנפאַרטרויען
צו איינער, ווי אַ גלויביק קינד.

איך בין געפרואווט אין דער מלחמה
פון די געשלעכטער איבער מאַכט,
דאָך איז דער וואונטש פון דער נשמה
זיך אונטערגעבן אָן אַ שלאַכט.

איך בין דערפאַרן, דורכגעטריבן,
געפילן וועג איך אויף אַ שאָל,
דאָך וואָלט וועלן איך זיך פאַרליבן
צום לעצטן, ווי צום ערשטן מאָל.

קמצנות

עס פוילט אזויפיל ליבשאַפט, גוטער ווילן
אין קאַרגן האַרץ פון ייִדן מענטש פאַרשלאָסן,
ווי אין א שייער תבואה ניט געדראָשן,
וואָס וואָלט געקאָנט די הונגעריקע שטילן.
און ס׳ווייגען איינזאַמע, ווי דלות־גרילן,
פאַרשטעקטע אין אליין־געמאכטע קערצער —
וואָס עפענען זיי ניט די קאַרגע הערצער,
באַפרייען ניט די שפע פון געפילן?

עס איז אַ זינד די ליבשאַפט צו פאַרשליסן,
ווי ברויט, ווען מיילער שליימען נאָך אַ ביסן.
דערפאַר איז שלאָס אַ נוקם, ניט קיין שומר —
די בריסט, וואָס גיבן ניט צו זויגן, שרומפּן,
די ניט־געשעפּטע ברונעמער פאַרזומפּן
און ס׳בליען ניט די פּירות׳לאָזע ביימער.

שטאָלץ

אויב מיר אַנטקעגן וועסטו, פֿרוי, ניט גיין,
איז, ווי איך זאָל ניט הונגערן נאָך דיר,
וועל איך ניט היטן, ווי אַ הונט, דיין טיר,
ביז דו וועסט מיר באַוויליקן אַ ביין.
מוז הונגער אויף די הינטער־לאַפּעס שטיין?
מוז ליבע חנפֿ'ענען אויף אַלע פֿיר?
צי איז אַמור אַ גיפֿטיקער סאַטיר,
וואָס מאַכט די ווערדע פּנים מענטש צו קליין?

אויב, ווענום, דו דערנידעריקסט, ווי ווײַן,
וועל איך שוין בעסער ווירדיק־ניכטער זיין.
מיין שטאָלץ איז אויפֿן קאָפּ אַ קרוין אין גלאַנץ,
מיין שטאָלץ איז אויפֿן קאָפּ אַ דערנער־קראַנץ,
מיין שטאָלץ איז אָבער ניט דער הוט פֿון נאַר,
וואָס גלעקלט אונטערטעניק פֿאַר אַ האַר.

ביים קאַמין

אין מיינע יאָרן איז שווין שווער צו טרוימען,
אין מיינע יאָרן טראַכט מען ביים קאַמין,
נאָר ס'איז אריין בגנבה דורכן קוימען
די ליבשאַפט, און זי פירט אראָפּ פון זין.

זי האָט צוריק מיר פייכט געמאכט די אויגן,
דאָס פייער שימערט, ווי דורך אַ טומאַן, —
ס'איז ניט קיין פייער, נאָר א רעגנבויגן,
און ס'שמייכלט אין זיין טרוים אַ יונגערמאן.

פּערזן

איך וועל צו דיר מיט מײַנע בלוטן רײדן,
נאָר רײדן וועל איך ניט צו הויך, —
ווען ברומען וועלן מײַנע אײנגעווײדן,
זאָלסטו מײַן האַרץ דערהערן אויך.

איך וועל דיך אין די ווילדע אָרעמס דריקן,
נאָר דריקן וועל איך ניט צו ווילד —
ניט ווי אַ שטיק־שלאַנג גרוויזאַם אין איר שטיקן,
נאָר ווי אַ פֿאָטער פֿעסט און מילד.

איך וועל פֿון דיר ווי פֿון א ברונעם טרינקען,
נאָר שלאָגן וועל איך ניט דעם שטײן,
כ'וועל וואַרטן ביז דו וועסט אַנטקעגן שפּרינגען,
ווי מיט געזאַנג אַ קוואַל, אַלײן.

זיך איבערגעענטפערט

פון פּנים טו איך אויס די קאַלטע מאַסקע,
דעם גלייכגילטיקן שמייכל — פון דער ליפּ,
און מיט געבעט און ציטערדיקער לאַסקע
איך נעם דיין האַנט און זאָג: איך האָב דיך ליב.

גענוג זיך צו פאַרשטעלן און צו טראָגן
די ליבשאַפט, ווי אַן אומגעזעצלעך קינד.
עס הערט ניט אויף דער סוד מיין האַרץ צו פּלאָגן,
ווי דעם געוויסן פּלאָגט אַ שטומע זינד.

איך שטיי פאַר דיין געריכט, און בין זיך מודה,
און אויף דיין משפּט וואַרט איך אין געבעט.
ווי אויף אַ וואָגשאָל טו איך זיך אַ הוידע,
מיין מזל דרייט זיך, ווי אויף אַ רולעט.

פאַרקריפּלט

מיין קראַנקער האָפענונגלאָזער ליבע־טרוים
איז קרום, פאַרקריפּלט ווי אַ קאַקטוס־בוים.
ווי קאָן ער זיין גאָר אַנדערש — שלאַנק און שיין,
אַז דו האָסט אים אין דורשט געלאָזט אליין
און ווי דער קאַקטוס שטייט ער אויף אַ זאַמד
און איבער אים אַ זון פון מדבר פלאַמט?
ס'איז ניט קיין וואונדער, וואָס ער איז צעקרימט,
נאָר ס'איז אַ וואונדער, וואָס אין היץ און ווינט
ער האָט אין גרונט פון זאַמד זיך איינגעשפּאַרט
און וואָס ער בליט אַמאָל נאָך ראָז און צאַרט.

דער צעקוש

ס׳ווערט דער הימל אַלץ וואַרימער, ווייכער,
ס׳ווערט באַהאַרצטער די זון אין צעשייד. ——
זאָל פאַרבלייבן אַ ליכטיקער זכר
פון דער קורצער איינטאָגיקער פרייד.

ס׳איז די ליבשאַפט געווען א מתנה,
איז אַ דאַנק דער צעקוש פון צעשייד.
לאַנג דערנאָך אין איר האַרץ, דער לבנה,
טראָגט די נאכט די דערמאָנונג פון פרייד.

ס׳איז דאָ אַ בעל־חשבון

געווען איז אַ זומער דער ווינטער,
אַ האַרבסט איז דער פרילינג דערפאַר.
איך צאָל פאַר דער פרייד ניט־פאַרדינטער
מיט שולדיקן ערלאַכן צער.

ס׳איז דאָ א בעל־חשבון, — און קרימט ווער,
דעם אָפּנאַרער מאַכט ער צום נאַר.
געווען איז אַ זומער דער ווינטער,
אַ האַרבסט איז דער פרילינג דערפאַר.

מיט מיר און יענעם

װעסט זײַן מיט מיר און יענעם,
װעסט נאַרן אים און מיך,
נאָר ס׳װעט דער דיל באַנעמען
דעם סוד פֿון דרײַ פּאָר שיך.

מיר װעלן זיך פֿאַרקלעמען,
נאָר אײגן װערן ניט, —
איך װעל דערשפּירן װעמען
א דריטן אינדערמיט.

אַמאָל װעסטו די נעמען
פֿאַרבײַטן אין צעמיש,
איך װעל די צײַן פֿאַרשטשעמען,
אַ שפּײַ־טאָן מיט אַ ציש.

* * *

זיי פריילעך און זינג —
כ'וועל דיין פרייד ניט רויבן.
עס גלויבט זיך ניט גרינג,
נאָר גרייט בין איך גלויבן.

זיי פריילעך און זינג —
דיין פרייד מאַכט מיך איינגער.
די וועלט, ווי אַ רינג,
טו איך אָן אויף דיין פינגער.

זיי פריילעך און זינג —
איך זינג מיט דיין ניגון,
איך דאַנק פאַר אַלצדינג —
צי אמת, צי ליגן.

אויף אַ שיף

מיר האָבן זיך געטראָפן
צוויי פרעמדע אויף אַ שיף.
אַ ווינט איז אָנגעלאָפן,
געטאָן מיט אונדז אַ שטיף.

ער האָט אריינגעבלאָזן
אין מיינע אָרעמס דיך,
אַ ראָי פון פרייד צעלאָזן,
ווי פעדערלעך פון ציך.

וואָס ווייטער פונם באָרן,
אַוועק פון ברעג און צאַם,
האָט זיך אַ טרוים געבאָרן
אין ברויזנדיקן ים.

נאָר אויף צוריק צום באָדן
האָט אויפגעוואכט דער טרוים, —
דער ברויז איז אויסגעזאָדן,
געבליבן איז אַ שוים.

און, ווען עס איז דערשוואומען
די שיף צום גרויען ברעג,
איז יעדער, ווי געקומען,
געגאַנגען אויף זיין וועג.

האָב צו זיך אַ טענה

(פאָלקסטימלעך)

מיט אַ זאַק מתּנות —
גאָלד און זילבער אַלע —
בין איך מיר געפאָרן
צו מײַן שײנער כּלה.

נאָר, אַז כ'בין געקומען
פון די װײַטע װעגן,
זײַנען פּראָסטע שטײנער
אין מײַן זאַק געלעגן.

װער האָט דאָס פאַרביטן
די מתּנות מײַנע? —
ניט צום גנב, טיפּש,
האָב צו זיך אַ טענה.

ניט באַדאַרפט זיך שלעפּן
איבער קרעטשמעס, שענקען.
אַז מען האָט אַן אוצר
דאַרף מען גוט געדענקען.

מיאַמי ביטש

דער גרינער, גרינער ים
מיט ווייסער פּינע בליט.
אויף כוואַליע און איר קאַם
אַ זוניקער געמיט.

די בלויע, בלויע הייך
מיט ווייסע וואָלקנס שפּילט,
מיט וואָלקנס העל און ווייך,
ווי כוואַליעס ליכט פֿאַרקילט.

דער בלאָנדער, בלאָנדער ברעג,
מיט פּאַלמע־פינגער רופט:
— וואַש אָפּ דעם שטויב פֿון וועג,
שטרעק אויס דיין מידן גוף! —

צוזאַמענגעגאָסן

די ראַנדן געשלאָסן,
אינטים, אָן אַ צאַם
צוזאַמענגעגאָסן
ליגן הימל און ים.

אַ האַרץ פול מיט ליבע —
די זון אין צעפלאַם,
און בלוט גיסט זיך איבער
פון הימל צום ים.

געזעטיקט, פאַר'חלש'ט
זיינען הימל און ים,
בלויז וואָלקנס און כוואַליעס
נאָך פילן דעם טעם.

אין שלאָף איינגעזונקען,
זעען הימל און ים
צעשטערנטע פונקען,
לבנות פון פלאַם.

פון ס. יעסענין

גרינע בלויע (?)

אַ רויך אַ מילכיקער די דערפער ווינטיק ליוליעט,
נאָר ס'איז ניט ווינט, ס'איז לייכטער קלונג, וואָס וויגט...
און רוס אין בענקשאַפט פריילעכער זיך צוגעטוליעט
צום געלן באַרג־אַראָפּ אַ דרעמלענדיקע ליגט.

***

עס לאָקט אַ נאַכטלעגער, ניט ווייט שוין צו אַ כאַטע,
פון גאָרטן שמעקט פּאַרוויאַלעטער אוקראָפּ,
אויף גרויע בייטן קרויט צעכוואַליעטע קודלאַטע
גיסט אויל דער מולד־האָרן טראָפּ נאָך טראָפּ.

מיך ציט צו וואַרימקייט, די לופט פון ברויט איך אָטעם
און אוגערקעס איך כראָמטשע אין מיין טרוים.
דער הימל ציטערט אויף, צערודערט זיך אין שאָטן
און פירט ארויס פון שטאַל אַ וואָלקן אויפן צוים.

***

אָ, נאַכטלעגער אין פוירישע שטיבער!
דיין בלוט־צענומענקייט איז מיר באַקאַנט אזוי,
די באַלעבאָסטע שלאָפט, און מיט די פּיס די ליבע
די פאַר'אלמנה'טע דריקט איין די פרישע שטרוי.

שוין העלער טאָג, אַ הייליק בילד אין ווינקל
מיט פאַרב פון טאַראַקאַנעס איז באַראַמט,
נאָר אויף דער מוטנער שויב דאָס רעגנדל נאָך שפּרינקלט
און אין זיין מאָרגן־תּפילה זיך פאַרזאַמט.

***

און ווידער ליגט פאַר מיר דאָס בלויע פעלד אַנטקעגן,
עס וויגן קאַליוזשעס אַ רויטע יונגע זון,
און נייע פרייד און לייד דאָס בלוט אין האַרצן רעגן
און ס'קלעפּן נייע רייד זיך אויף דער צונג.

די בלויקייט גליווערט, ווי אַ וואסערל אין לויפן,
עס גייט מיין פערד, די לייצעס הענגען לויז,
און בלעטער פון זיין שירין נעמט אָן דער ווינט אַ הויפן
און וואַרפט מיר נאָך, באַגלייט אין וועג ארויס.

ערשטער שניי

גיי איך אין ערשטן שניי און אין מיר
בליען לאַנדישן, כוח דערוואַכט.
מיט אַ ליכטל פֿון בלויען קאָליר
אויף מיין וועג צינדט אַ שטערן די נאַכט.

אָ, איך ווייס ניט, צי ס׳פֿינצטערט צי ס׳העלט?
שאַלט דער ווינט צי עס קרייט גאָר אַ האָן?
אפֿשר גאָר שטאָט דעם שניי אויפֿן פֿעלד
אויפֿן גראָז פֿליען שוואַנען זיך אָן.

ווייסע גלאַטקייט, ווי רייצפֿול דו ביסט!
פֿרעסטל, וואַרימסט מיין בלוט מיט אַ קנייפּ!
די אַנטבלויזטע בערעזעשע בריסט
ווילט זיך דריקן אַזוי צו מיין לייב.

אָ, פֿון וואַלד קאַלעמוטנעם דער רוף!
אָ, פֿון פֿעלדער פֿאַרשנייטע די פֿרייד!
ס׳ווילט זיך שליסן די הענט אַרום גוף
פֿון דער ווערבע, וואָס שטייט אָן אַ קלייד.

אינהאַלט:

טריאָלעטן — — — — — — — — — 3
רויבפייגל — — — — — — — — — 5
געקרייציקטער גלויבן — — — — — — — 6
מיט א פרעמדן קול — — — — — — — 7
וועגן מלחמה־ערָאפּלאַנען — — — — — — 8
פּליט ד׳אַנונציאָ — — — — — — — 9
די ערשטע עבירה — — — — — — — — 10
אדם — א מענטש — — — — — — — 11
גלית און דוד — — — — — — — — — 12
דער פּאַבלשרייבער זינגט — — — — — — 13
נח — — — — — — — — — 14
געשריי — — — — — — — — — 15
געשיכטע, שרייב! — — — — — — — — 16
צו אַ אידישן נאַציאָנאַליסט — — — — — 17
שונא, מיין נעכטיקער פריינט — — — — — 18
איבערפאַל — — — — — — — — — 19
אויסגעשלאָסענע — — — — — — — — 20
פענער — — — — — — — — — 21
אַ קלאָץ אין וואַסער — — — — — — — 24
צעריסנקייט — — — — — — — — — 25
איבערלעבונגען — — — — — — — — 26
אַ שטיק ליים — — — — — — — — — 27
עס איז גוט — — — — — — — — — 28
נאָכן שטורם — — — — — — — — — 29
דער סם איז זיס — — — — — — — — 29
פאַרהוילן — — — — — — — — — 30
אין היילן — — — — — — — — — 31
אַ בוים פלוידערט — — — — — — — — 32
די מתים שטייען אויף — — — — — — 33
דער אַלטער בוים — — — — — — — — 34
צו זיך אליין אַ מאָנומענט — — — — — 35

לידער־„שמידער" — — — — — — — — — 36
מיט א ליד — — — — — — — — — — — 37
וואָס זינגט דער פויגל — — — — — — — — — 38
דער שמיד — — — — — — — — — — — 39
פּאָעטן — — — — — — — — — — 40
דאָרשט — — — — — — — — — — — 41
גיס אָן! — — — — — — — — — — 42
ביז קומען וועט ער — — — — — — — — 43
אונטערוועגנס — — — — — — — — — — — 44
אין בענקשאַפט — — — — — — — — — 45
קמצנות — — — — — — — — — — 46
שטאָלץ — — — — — — — — — — 47
ביים קאַמין — — — — — — — — — — 48
פערזן — — — — — — — — — 49
זיך איבערגעענטפערט — — — — — — — 50
פארקריפּלט — — — — — — — — — — — 51
דער צעקוש — — — — — — — — — — 52
ס'איז דאָ א בעל־חשבון — — — — — — — 52
מיט מיר און יענעם — — — — — — — — 53
זיי פריילעך און זינג — — — — — — — — 54
אויף א שיף — — — — — — — — — — — 55
האָב צו זיך א טענה — — — — — — — — — 56
מיאַמי־ביטש — — — — — — — — — — — 57
צוזאמענגעגאָסן — — — — — — — — — 58
געבלוי (יעסענין) — — — — — — — — 60
ערשטער שניי (יעסענין) — — — — — — — 62